# קרית ברסלב בלעטל


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת ויקרא, ב' ניסן תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון כ"ה


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......7:01
מוצאי שבת קודש.......8:33

## א מעשה פון תפילה

### יודא לייב ווייס

אזוי ווי אלע ווייסן ווען מען זיכט פארקינג אין שטאט [געדענקסט נאך?] קען עס נעמן א לאנגע צייט ווילאנג מען טרעפט, בפרט פורים נאכמיטאג ווען אלע פארקן דאבל פארקינג איז אסאך שווערער צו טרעפן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א פארקינג אין פראנט פון דעם ראש ישיבה'ס הויז, און שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א פארקינג ספאט ממש אין פראנט פון די בילדינג!

### שלמה יאקאבאוויטש

איך שטיי אויף אינדערפרי איך זעץ מיך אריין אין קאר און מען פרובירט אנצינדן דעם קאר אבער עס גייט נישט, אנקומען צו טובות פון א צווייטן און בפרט אינדערפרי איז נישט די געשמאקסטע זאך, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן, הייליגע באשעפער העלף מיר מיין קאר זאל זיך אנצינדן אן דעם וואס איינער זאל דארפן מיר געבן א באסט, און אזוי אויך איז געווען א אנדערע פראבלעם מיט די קאר, און איך האב פאר דעם אויך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט מאכן קיין פראבלעמען, און שכח אייבערשטער עס האט זיך געגעבן א צינד אן נאך געציילטע סקונדעס, און שכח אייבערשטער אז שפעטער אין טאג האב איך געקענט שיקן דעם קאר צום מעקעניק עס צו פיקסן אז עס זאל נישט דארפן געשעהן נאכאמאל.


**מודיעה**

אזוי ווי מען ארבעט יעצט פאר די עירוב דא אין שטאט,
ווילן מיר בעטן ווער עס קען ארויס העלפן בגוף אדער
בממון זאל זיך מעלדן אויף
845-701-9160


## נייעס אין שטעטל

פארגאנגענע וואך איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען פאר א באזוך אין שטעטל, מען האט געדאווענט צוזאמען שחרית, דערנאך איז פארגעקומען די דף גמרא שיעור – וואס דאס איז א זאך וואס בלייבט מיט דעם מענטש אויך פאר יענע וועלט. נאכ'ן שיעור האט די ראש ישיבה ארומגערעדט דיבורי התחזקות, און בפרט האט מען אויסגעשמועסט וועגן די ברענעדיגע נושא וואס איז יעצט אויפ'ן טיש אין די גאנצע וועלט, ביי אידן און להבדיל ביי גוים, דאס איז די "קאראנא ווירוס" וואס דרייט זיך יעצט ארום אין די וועלט, די ראש ישיבה האט געזאגט עס איז נישט דא וואס מורא צו האבן, אונז אלע האבן די ווירוס, און מען דארף נישט מורא האבן, די עיקר דארף מען זעהן צו חזר'ן די ריינע אמונה אז אלעס קומט פון דעם אייבערשטן אליין און ער היט אונז אלץ אפ.

ווען מען האט געשאסן רחמנא לצלן פאר צוויי חדשים צוריק האבן מענטשן געזאגט מען וועט האבן געוועהר מיט קעמרעס וועט עס היטן פון נאך שיסעריי, האט די אייבערשטער יעצט געוויזן אז מען קען זיך נישט פארלאזן אויף גארנישט – נאר אויפ'ן אייבערשטן אליין.

א גאנץ יאר רעד איך צו די בחורים מען זאל זיך וואשן נעגל וואסער אינדערפרי, און ווען דו קראצט דיין קאפ אדער שניידסט דיין נעגל וואש דיך דיין הענט, און די גמרא זאגט אויב וואשט מען נישט די הענט פאלט ארויף א פחד אויף דעם מענטש, דאס האבן די חז"ל געזאגט נאך פאר ווען די גוים האבן געוויסט אז עס איז דא אזא זאך ווי דזשערמ'ס, אבער יעצט זעהן אלע איין אז מען דארף זיך אזוי פירן. און דאס דארפן מלמדים אויסלערנען פאר קינדער.

יעצט ווען ביי אלע שטובער זיצן די קינדער אינדערהיים א גאנצן טאג, דארף מען זעהן ווי אזוי מען קען מחיה זיין אידישע קינדער, מען הערט צוריק פון אסאך אידן וואס די "קאראנא ניגון" איז יעצט זייער גאנצע חיות, אזוי אויך הערט מען יעצט פון זייער אסאך מענטשן וואס כאפן זיך צו יעצט צו הערן די חיזוקים און שיעורים פון ישיבה.

ווען אלע זיבן ביליאן מענטשן אין די וועלט וועלן הייבן די הענט און זאגן "אלעס איז דער אייבערשטער" וועט זיך אפשטעלן די גאנצע "קאראנא ווירוס" אנשיקעניש.

# אבריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויקרא, כ"ט אדר, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך בין געזונט און מיין ווייב און קינדער זענען געזונט. מענטשן רופן מיר פון ארץ ישראל אויב איך בין געווארן אנגעשטעקט מיט די מחלה קאראנע ה' ירחם; **געלויבט דעם אייבערשטן אז איך בין געווארן אנגעשטעקט פאר פופצן יאר צוריק מיט אמונה, מיט מוהרא"ש און איך שטעק אן אלעמען מיט דעם.** דער אייבערשטער זאל מיר העלפן איך זאל בלייבן מיט די אנשטעקעניש פונעם צדיק און איך זאל אריבער פירן די אנשטעקעניש פאר די גאנצע וועלט.

די אנשטעקעניש פון מוהרא"ש קען מען איבער כאפן אפילו אויפ'ן טעלעפאן, אפילו יעצט ווען דו קענסט נישט קומען אין ישיבה, מען דארף אכטונג געבן זיך נישט צוזאמצוקומען מיט אנדערע, זאלסטו רופן "**קול אמונה**" און הערן די חיזוקים, אזוי וועסטו כאפן די אנשטעקעניש, די אמונה; עס וועט אריין גיין אין דיר די אמונה אזוי שטארק אז דו וועסט מער נישט מורא האבן פון גארנישט, דו וועסט לעבן א גוט לעבן.

א מפיץ דערציילט מיר אז נעכטן ביי הפצה האט אים איינער געזאגט: "איך געב זיך אכטונג א גאנץ יאר פון די קונטרסים אזוי ווי מען דארף זיך אכטונג געבן פון קאראנע", יענער האט נישט געוואלט נעמען די ספרים, יענער האט געהערט אסאך לשון הרע אויפ'ן רבי'ן, זאגט אים דער מפיץ: "יא, יא, **ברסלב איז אזוי ווי די קאראנע**, אזוי ווי די קאראנע גייט פון איינעם צום צווייטן, מען קען דאס נישט ביז דערווייל אפשטעלן, אזוי איז ברסלב"; ווען איינער ווערט אנגעשטעקט מיט ברסלב פירט ער דאס ווייטער פון איינעם צום צווייטן, מען קען דאס נישט און מען וועט דאס נישט קענען אפשטעלן.

איך בעט דיר זייער, יעצט ווען אלע זענען אזוי פארלוירן זאלסטו לערנען אסאך אשר בנחל און הערן אסאך שיעורים אויפ'ן טעלעפאן וכדומה אז דו זאלסט בלייבן שטארק מיט אמונה, נישט ווערן פארלוירן.

***

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויקרא, כ"ט אדר, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד אנשי שלומינו, תלמידי היכל הקודש בבית שמש, ה' עליהם יחיו

איך בעט ענק זייער, יעצט ווען די גאנצע וועלט איז אין א פחד און בהלה דארפן מיר פארשפרייטן דעם רבינ'ס דיבורים וואס בארואיגט און היילט אויס.

איך בעט אייך, נעמט קונטרסים און ספרים וואס מוהרא"ש האט געשריבן, **דאס לעבט אויף מענטשן**, דאס איז מחזק יעדן איינעם אין יעדן מצב.

פארבינדט אייך מיט די מפיצים פון ירושלים, זיי האבן יעצט געדרוקט טויזנטער קונטרסים "**וירוס הקורונה**"; ווער עס ליינט דעם קונטרס ווערט בארואיגט און פרייליך, מען ווערט פול מיט אמונה אינעם אייבערשטן.

האט איר א נייע קלייד
און מען דארף עס נאך צופיקסן?
רופט אונז אן אויף
845-662-4083

ווילט איר קויפן געוויסע זאכן אנליין
אויף א כשר'ע אופן דא אין שטעטל?
רופט אונז אן אויף
347-738-1041